בימינו ממש, בעגלא דידן.

* * *

טז. אין דעם ענין פון נתינת השקלים אויף וועלכע משמיעים עליהם באחד באדר, וועגן וועלכע מ'לייענט בפ' שקלים – "כי תשא את ראש בני ישראל וגו'" – געפינט מען א דבר והיפוכו:

מ'האט געגעבן א "מחצית השקל", א האלבער שקל, ולאידך גיסא פסק'נט דער רמב"ם[86] אז "אינו נותנו בפעמים רבות היום מעט ולמחר מעט, אלא נותנו כולו כאחת בפעם אחת"[87], ד.ה. בשלימות.

וואס דאס (פס"ד הרמב"ם) איז דאך א חידוש:

אע"פ וואס בא הקדשות און הנודר לצדקה בכלל איז דא דער לאו פון "בל תאחר" ("כי תדור נדר לה"א לא תאחר לשלמו")[88], אז לאחרי ווי מ'האט מבטיח ונודר געווען א סכום מסויים להקדש אדער לצדקה טאר מען ניט אפלייגן דאס אפצוגעבן. אבער ס'איז ניטא קיין חיוב אז מ'דארף אפגעבן דער גאנצער סכום צדקה בנתינה אחת בבת אחת. ביז אז עס זיינען דא דיעות[89] בזה וויפל זמן דארף געווערן ביז מ'איז עובר אויף "בל תאחר" (ווען מ'האט ניט מפרש געווען א זמן), צי שלשה רגלים אדער ניט. [ווי מ'לערנט עס אפ פון קרבנות וקדשים, וואס דארטן זיינען דא די צוויי דיעות[90] צי "בל תאחר" איז חל ברגל אחת אדער בשלשה רגלים וכו']. במילא איז לדיעות אלו זיכער מובן אז מ'קען עס אפגעבן ביסלעכווייז, ניט בבת אחת. עאכו"כ אויב מ'גיט אפ די צדקה באותו יום ווען מ'האט עס מבטיח געווען – איז דעמולט לכו"ע אז אין למעלה ממנו אפילו אויב מ'גיט ניט אפ די גאנצע זאך בנתינה אחת בבת אחת.

משא"כ בא מחצית השקל איז דער רמב"ם מחדש אז "אינו נותנו בפעמים רבות כו', אלא נותנו כולו כאחת בפעם אחת".

עס זיינען דא די וואס קריגן זיך אויף דעם[91], און מ'פרעגט וואס איז מקור הרמב"ם[92] – אבער אעפ"כ איז דאך א כלל אז "אלו ואלו דברי אלקים חיים"[24], און דאס זאגן אלע, אויך די חולקים בדבר, אז אויך דער דיעה השני' (אויף וועלכע זיי קריגן זיך) איז

---

86) ריש הל' שקלים. וראה לקו"ש חט"ז ע' 384 ואילך. 87) ראה קרית ספר לרמב"ם שם. 88) תצא כג, כב. וראה בפרטיות אנציקלופדי' תלמודית ערך בל תאחר, וש"נ. 89) נסמן באנציקלופדי' הנ"ל שם ע' שכג. 90) ר"ה ד, סע"א ואילך. 91) ראה ערוך ערך טבע (ה"ב). מנ"ח מצוה קה סוסק"א. וראה תורה שלימה מילואים לפ' תרומה (כרך כב ס"א). 92) וראה רי"ט אלגזי לבכורות פ"ח אות פא בסופו. רי"פ פערלא לסהמ"צ רס"ג מ"ע ז (צב, ג). עשה כ (קמח, ג ואילך).

הנחת הת' בלתי מוגה

SichosKodesh.com

"דברי אלקים חיים", נאר בנוגע להלכה למעשה בפועל זאגן זיי אז מ'דארף זיך פירן באופן שני.

ווי ס'איז געוועזן בא מחלוקת ב"ש וב"ה - וואס אויף דעם זאגט די גמרא "אלו ואלו דברי אלקים חיים" - אז זיכער האט יעדערער געהאלטן אז דברי חבירו איז "דברי אלקים חיים" - אע"פ וואס "ב"ש במקום ב"ה אינה משנה"[93] - וואס דערפאר איז "חיבה[94] וריעות נוהגים זה בזה, לקיים מה שנאמר[95] האמת והשלום אהבו", נאר בנוגע להלכה בפועל האבן זיי זיך געקריגט.

דעריבער איז מובן אז בשעת מ'קען זיך פירן בפועל לויט ביידע דיעות (בעבודה רוחנית וכיו"ב) - דארף מען זיכער אזוי טאן, וויבאלד אז "אלו ואלו דברי אלקים חיים".

וכמבואר ומדובר כמ"פ די ביאורים בזה ביז ווי דאס איז ע"פ נגלה.

איז מובן אז אזוי איז עס אויך בנוגע לפס"ד הרמב"ם אז מחצית השקל "נותנו כולו כאחת בפעם אחת", אז אפילו לויט די וואס קריגן אויף דעם איז דאס "דברי אלקים חיים", און אויב מ'קען זיך אזוי פירן בעבודה רוחנית דארף מען זיך זיכער אזוי פירן.

קומט אויס לויטן רמב"ם - כנ"ל - אז אין מחצית השקל איז א דבר והיפוכו: פון איין זייט "נותנו כולו כאחת בפעם אחת", ד.ה. בשלימות, ולאידך גיסא גיט מען "מחצית השקל", א האלבע זאך!

כידוע אז די הדגשה איז דוקא "מחצית השקל", ניט דאס וואס ס'איז עשר גרה. ווי מ'זעט דעם דין אין שו"ע[96] בנוגע לנתינת שקלים היום - אז "יש ליתן קודם פורים מחצית מן המטבע הקבוע באותו מקום ובאותו זמן [ע"ד "חמר מדינה"[97]] זכר למחצית השקל שהיו נותנין באדר", כמנהג ישראל בפועל - וואס תורה היא[98], ביז אז דאס באקומט דעם תוקף פון א מצות עשה ומצות לא תעשה (כפס"ד הרמב"ם[99]) - אז מ'גיט דריי מטבעות מחצית השקל (פון אותה המדינה) בתענית אסתר[100]. מ'גיט ניט דריי מאל עשר מטבעות פון מעות המדינה, נאר דוקא דריי מחצית פון דער מטבע באותה המדינה.

יז. והביאור אין דעם דבר והיפוכו במחצית השקל - ובהקדים ביאור כללות הענין דמחצית השקל בעבודת האדם:

---

93) ברכות לו, ריש ע"ב. 94) יבמות יד, ב. 95) זכרי' ח, יט. 96) רמ"א או"ח סתרצ"ד ס"א. 97) ראה פסחים קז, א. אנציקלופדי' תלמודית בערכו, וש"נ. 98) ראה תוד"ה נפסל - מנחות כ, ב. ועוד. 99) הל' ממרים פ"א ה"א-ב. פ"ב ה"ב. 100) רמ"א שם.

הנחת הת' בלתי מוגה

אויף דעם מחצית השקל וואס מ'האט געבראכט בחודש אדר צו קויפן דערמיט די קרבנות ביהמ"ק איז דעם ערשטן מאל אנגעזאגט געווארן אויף דעם בזמן המשכן - "כי תשא את ראש בנ"י גו' זה יתנו כל העובר על הפקודים מחצית השקל גו'". וואס דאס איז איינע פון די שלש תרומות וואס מ'האט דעמולט אויף זיי אנגעזאגט, ווי רז"ל זאגן[101], און רש"י ברענגט עס אראפ בפירושו בריש פ' תרומה (און אויך עה"פ בריש פ' תשא[102]): "שלש תרומות נאמרו בפרשה הזאת, תרומת אדנים, תרומת שקלים, ותרומת המשכן, א' תרומת בקע לגלגלת שנעשו מהם האדנים כו', ואחת תרומת המזבח בקע לגלגלת לקופות לקנות מהן קרבנות ציבור, ואחת תרומת המשכן נדבת כל אחד וא'".

- דרך אגב: דער טעם פארוואס רש"י איז מפרש שוין בריש פ' תרומה דער תפקיד פון תרומת שקלים, "לקנות עמהן קרבנות ציבור", אע"פ וואס דער ציווי על תרומה זו איז ערשט בפ' תשא - י"ל:

וויבאלד אז בפ' תצוה (ובסוף פ' פקודי) רעדט זיך וועגן הקרבת קרבנות אין משכן - קען ווערן א שאלה באם בן חמש למקרא: פון וואנעט האט מען גענומען געלט אדער בעלי חיים אויף די קרבנות (ווייל ער האט נאך ניט געלערנט בפ' תשא (וואס קומט נאך פ' תצוה) וועגן תרומת שקלים פאר קרבנות ציבור)? בשלמא בנוגע דעם משכן אליין וכלי המשכן ובגדי כהונה וכו' - שטייט בריש פ' תרומה (גלייך בתחלת הענין וועגן משכן) פון וואנעט מ'האט עס באקומען, אז אידן האבן מנדב געווען זהב וכסף ונחושת ותכלת וארגמן וכו' פאר די אלע זאכן; אבער עס שטייט ניט פון וואנעט מ'האט גענומען געלט כו' פאר קרבנות.

דעריבער שרייבט רש"י גלייך בתחלת הענין - בריש פ' תרומה (פאר פ' תצוה) - אז ס'איז געווען "תרומת המזבח..לקנות מהן קרבנות ציבור", וואס דערמיט פארשטייט דער בן חמש ווען ער לערנט דערנאך פ' תצוה וועגן הקרבת הקרבנות במשכן - מיט וואס מ'האט געקויפט די קרבנות.

יח. והנה, די קרבנות ציבור - וועלכע מ'האט געקויפט מיט די שקלים (מחצית השקל) - זיינען אין זיך כולל כללות עבודת האדם:

דער עיקר פון די קרבנות ציבור איז דער קרבן תמיד של שחר ושל בין הערביים וועלכע מ'האט מקריב געווען בכל יום. ומבואר בכ"מ, אז די תמידים בשחרית ובין הערביים - בתחלת היום ובסוף היום - זיינען כולל אין זיך עבודת כל היום בינתיים. ווי האבן

---

101) ירושלמי שקלים פ"א ה"א. ועוד. 102) ל, טו.

הנחת הת' בלתי מוגה

SichosKodesh.com

געגעבן כח אויף דער עבודה במשך כל היום והלילה, און אויף - זיי זיינען דער שער דורך וועלכן עס ווערט נתעלה די עבודה במשך כל היום.

און ווי דער אלטער רבי איז מבאר אין אגה"ת[103] אז דער "תמיד של שחר הי' מכפר על עבירות הלילה ותמיד של בין הערביים על של יום, וכן מדי יום ביום לעולם". וע"ד ווי די גמרא[104] זאגט "אם ראית ת"ח שעבר עבירה בלילה אל תהרהר אחריו ביום".

עד"ז איז אויף בזמן הזה - ע"י עבודת התפלה וואס במקום תמידין תקנום[105], תפלת שחרית ותפלת מנחה (בין הערביים): תפלת היום איז דער יסוד פון כל עבודת היום, מתחלת היום ביז סוף היום, "יצא אדם לפעלו ולעבודתו עדי ערב"[106]. כידוע אז תפלה איז "שער השמים"[107], ע"ד ווי דוקא ע"י קרבנות ווערט "ריח ניחוח לה'"[108], און דורך דעם קען מען עובד זיין כללות עבודת ה' כדבעי כו'.

וכשם ווי דער תמיד של שחר איז דער יסוד לעבודת כל היום, אזוי איז אויף תפלת שחרית דער יסוד והתחלה פון כל עבודת היום. דערפאר איז סדר היום אז מ'הויבט אן מיט תפלה, "ביהכנ"ס", און ערשט דערפון גייט מען "לביהמ"ד"[109], און דערנאך - "הנהג בהן מנהג דרך ארץ"[110], "כל מעשיך יהיו לשם שמים"[111] און "בכל דרכיך דעהו"[112]. ווייל תפלה איז דער יסוד פון עבודת ה' - בלימוד התורה וקיום המצוות, "שער השמים" (כנ"ל). ועד"ז איז די תפלה בסוף היום מעלה עבודת כל היום, און גיט כח אויף דער ווייטערדיקער עבודה כו'.

וידוע אויך אז ע"י הקרבת הקרבנות בכלל ווערט די עלי' בכל עניני העולם - כמבואר בתניא[113] "בקרבנות הי' כל החי עולה לה' ע"י בהמה אחת וכל הצומח ע"י עשרון סלת אחד בלול בשמן כו'", ווי ער איז אויך מבאר אין די ווייטערדיקע חלקים בתניא[114] "ענין עליות עולמות העליוני' באתערותא דלתתא בהקרבת עוף אחד בן יונה או תור ע"ג המזבח או קומץ מנחה".

---

103) פי"א (ק, ב) - מבמדב"ר פכ"א, כא. שהש"ר פ"א, ט [ו]. ועוד. 104) ברכות יט, א. 105) שם כו, ב. 106) תהלים קד, כג. וראה ד"ה יצא אדם לפעלו גו' בסה"מ אידיש ע' 200 ואילך. 107) ראה ויצא כח, יז ובפרש"י. 108) ויקרא א, ט. ועוד. 109) ברכות בסופה. שו"ע אדה"ז או"ח סקנ"ה. 110) שם לה, ב. שו"ע אדה"ז שם; סקנ"ו. 111) אבות פ"ב מי"ב. טושו"ע שם סרל"א. 112) משלי ג, ו. טושו"ע שם. שו"ע אדה"ז שם סקנ"ו. 113) פל"ד (מג, ב). 114) אגה"ת ספי"ב (מד, סע"א ואילך).

זעט מען אז די קרבנות (ציבור) בביהמ"ק זיינען דער יסוד און כולל כללות עבודת האדם.

און וויבאלד אז מ'האט געקויפט די קרבנות ציבור שהקריבו בביהמ"ק מיטן מחצית השקל וואס אידן האבן געגעבן, קומט אויס, אז דער מחצית השקל איז אן ענין כללי פארבונדן מיט כללות עבודת האדם. וע"ד המבואר שם בתניא אז ע"י דעם חומש פון צדקה – וואס שקלים איז ענינם אויך צדקה (כנ"ל ס"ה) – איז דער "חומש מעלה עמו כל הארבע ידות[115] לה' להיות מכון לשבתו ית' כנודע מאמר רז"ל[116] שמצות צדקה שקולה כנגד כל הקרבנו' ובקרבנות הי' כל החי עולה לה' ע"י בהמה אחת כו'".

ועפ"ז וועט מען פארשטיין פארוואס אין מחצית השקל איז דא דער דבר והיפוכו – פון איין זייט "אינו נותנו בפעמים רבות היום מעט ולמחר מעט, אלא נותנו כולו כאחת בפעם אחת", בשלימות, וביחד עם זה – דוקא א מחצית השקל – ווייל די ביידע תנועות והרגשים דארפן זיין בכללות עבודת האדם אין "אני נבראתי לשמש את קוני"[117]: ער דארף טאן עבודתו בשלימות, "כולו כאחת בפעם אחת", וביחד עם זה דארף ער מרגיש זיין אז ער איז נאר א "מחצית".

יט. והביאור בזה:

וויבאלד אז "אני נבראתי לשמש את קוני", און נאכמער "אני לא נבראתי אלא לשמש את קוני"[118], איז מובן אז די גאנצע מציאות פון דעם מענטשן דארף זיין אויף זיך איגנאנצן אוועקגעבן לעבודת ה', און ער אליין דארף טאן עבודתו בשלימותה (וואס צוליב דעם יאז ער באשאפן געווארן). און פשיטא אז א צווייטער קען דאס פאר אים ניט טאן, נאר ער אליין דארף עס טאן בשלימות, ווייל צוליב דעם איז ער באשאפן געווארן.

ער קען ניט מיינען אז ער וועט טאן א האלבע עבודה און א צווייטער וועט טאן די צווייטע האלבע, אדער דער אויבערשטער וועט עס משלים זיין וכיו"ב. וויבאלד מ'האט אים באשאפן מיט זיין תפקיד לשמש את קונו, דארף ער עס טאן בשלימות.

דעריבער איז מודגש אין א מחצית השקל (וואס איז אן ענין כללי בכללות עבודת האדם) די ערשטע נקודה – אז "אינו נותנו

---

115) ע"פ ל' הכתוב – ויגש מז, כד. 116) סוכה מט, ב. וראה לקו"ב לתניא (להר"י קארף שי') ח"א ע' רו. 117) משנה ובריתא סוף קידושין. 118) כ"ה במס' קידושין כת"י וטיקן (ירושלים תשל"ד) מס' 111. וכן הובא במלאכת שלמה למשנה קידושין שם. וראה יל"ש ישעי' רמז רעו.

הנחה הת' בלתי מוגה

SichosKodesh.com

בפעמים רבות היום מעט ולמחר מעט, אלא נותנו כולו כאחת בפעם אחת": ער דארף טאן עבודתו בשלימות, ניט נאר באופן פון "בכל לבבך ובכל נפשך", נאר אויך "בכל מאדך"[119], בל"ג שלו[120]. ובכללות - ביז באופן של מסירת נפש.

ובשעת ער טוט עבודתו באופן כזה דריקט זיך דאס אויך אויס בזמן - אז ער טוט עס אין איין נקודה בזמן - "נותנו כולו כאחת בפעם אחת": בשעת אז עבודתו איז נאר ע"פ חשבונות בשכל, דעמולט קומט ארויס די עבודה לאט לאט, בהפסק זמן, "היום מעט ולמחר מעט"; משא"כ בשעת ער איז דורכגענומען מיט דער נקודה אחת פון מס"נ, ד. ה. דאס טאקע א נקודה אחת, אבער די נקודה איז כולל כל מציאותו, רמ"ח אבריו ושס"ה גידיו, בלי חילוק. דערפאר וואס דאס איז א נקודה אחת, דריקט זיך די עבודה אויס בזמן - אז ער טוט עס באופן פון "נותנו כולו כאחת בפעם אחת".

כ. לאידך גיסא דארף זיין א צווייטער הרגש בעבודת האדם:

"אלמלא הקב"ה עוזרו אין יכול לו"[121], ד.ה. אז ער איז מערניט ווי א "מחצית", ווייל דאס גופא וואס ער האט כח צו טאן עבודתו בשלימות קומט פון דעם אויבערשטן. וכמודגש במאמחז"ל הנ"ל גופא - "אני לא נבראתי אלא לשמש את קוני": דאס גופא וואס ענינו איז לשמש את קונו איז דערפאר וואס דער אויבערשטער האט אים באשאפן מיט דעם תפקיד און אים געגעבן די כחות דאס דורכצופירן. ובפשטות - אז דער אויבערשטער האט אים באשאפן מיט די כחות וכלים ותכונות כו' צו טאן עבודתו.

כמאחז"ל[122] עה"פ[123] - "מי הקדימני ואשלם", אז דער אויבערשטער זאגט: "מי עשה לי סוכה עד שלא נתתי לו מקום, מי עשה לי לולב עד שלא נתתי לו דמים כו'", וכיו"ב בנוגע כל המצוות.

דעריבער איז דא די צווייטע נקודה במחצית השקל - אז דאס איז ניט מער ווי א "מחצית": ער דארף מרגיש זיין בעבודתו אז ס'איז ניט "כחי ועוצם ידי"[124], נאר אז ער איז ניט מער ווי א האלבער און דער צווייטער "האלב" איז דער אויבערשטער (כביכול).

אבער ביחד עם זה - כנ"ל: לאחרי ווי דער אויבערשטער האט אים באשאפן און געגעבן די כחות צו טאן עבודתו - דארף ער אין זיין "מחצית" טאן עבודתו בשלימות, ביז באופן פון "בכל מאדך",

---

119) ואתחנן ו, ה. 120) תו"א מקץ לט, ג ואילך. לקו"ת שלח מב, ג. דרמ"צ קס, ב. ובכ"מ. 121) קידושין ל, ב. סוכה נב, ריש ע"ב. 122) ויק"ר פכ"ז, ב. 123) איוב מא, ג. 124) עקב ח, יז. וראה סמ"ג מל"ת ס"ד.

בל"ג, מס"נ. ביז אז ער זאל ווערן דורך דעם א שותף להקב"ה במעשה בראשית[125] - א גלייכער שותף כביכול מיטן אויבערשטן. און זיין "מחצית" זאל ווערן איין זאך מיטן אויבערשטן, במילא, אע"פ וואס ער איז א "מחצית" קען ער (ביחד עם זה) טאן עבודתו בשלימות, בל"ג, וויבאלד אז ער איז איין זאך מיטן אויבערשטן (דער צווייטער "מחצית").

ד.ה. אע"פ וואס א איד איז טאקע נאר א "מחצית", איז ביחד עם זה קען ער טאן עבודתו בשלימותו, בל"ג (בכל מאדך), ביז אז דורך דעם ווערט ער בדוגמא ווי דער צווייטער שותף (דער אויבערשטער), און דאס גופא קומט אויך ע"י הקב"ה.

וכידוע תורת הרב המגיד[126] - געבראכט אין די רשימות הצ"צ אויף תהלים[127], ובארוכה בהמשך תער"ב[128] - עה"פ[129] "עשה לך שתי חצוצרות", אז אידן און דער אויבערשטער זיינען ווי "שתי חצאי צורות" "וכ"א בעצמו אינו בשלימות ואינו רק חצי צורה", יעדערער פון זיי איז א "מחצית" שוה, צוויי גלייכע שותפים, און אזוי ווי א איד דארף אנקומען צום אויבערשטן ("מי הקדימני ואשלם"), דארף דער אויבערשטער כביכול אנקומען צו אידן (שותף להקב"ה במעשה בראשית). אוןביידע "חצאי צורות" ווערן איין זאך, "והיו לבשר אחד"[130], ווייל דורך אורייתא ווערט ישראל וקוב"ה כולא חד[131].

כא. די הוראה דערפון אין לימוד התורה וקיום המצוות:

יעדער איד דארף לערנען תורה בשלימותה מיט דער גאנצער יגיעה, ביז אז די תורה זאל זיין נקראת על שמו[132].

ער קען מיינען אז ער וועט לערנען א ביסל תורה, און לערנען מהיכי תיתי, און ער וועט קומען מיט זיין ביסל תורה אין גן עדן - "ותלמודו בידו"[133], און דער אויבערשטער וועט משלים זיין די איבעריקע. זאגט מען אים: ער דארף הארעווען מיט אלע זיינע כחות און לערנען תורה בשלימותה, ביז אז דאס זאל זיין נקראת על שמו. וואס דערפאר זאגט ער בברכת התורה - "ונתן לנו את תורתו", דאס איז געווארן די תורה פון אידן, בכדי אז זיי זאלן אין דעם הארעווען ביז אז די תורה זאל זיין נקראת על שמו.

---

125) ראה שבת קיט, ריש ע"ב. טור ושו"ע אדה"ז או"ח ר"ס רסח. ועוד.
126) או"ת מה, ד ואילך. 127) ע' שנז ואילך. 128) ח"ב פשפ"ד ואילך (שם ע' תשצ ואילך). וראה ד"ה כי תשא שנאמר בההתוועדות. 129) בהעלותך י, ב.
130) בראשית ב, כד. 131) זח"ג עג, א. וראה לקו"ת ויקרא ה, ג. נצבים מו, א. ועוד. 132) ע"ז יט, א. קידושין לב, סע"א ואילך. 133) פסחים נ, א. וש"נ.

הנחת הת' בלתי מוגה

SichosKodesh.com